בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פַּרְשַׁת תַּזְרִיעַ מְצוֹרָע תשפ"ג

296

תשפ"ג

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


**נדפס ע"י**
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וֶוען מֶען בֶּעט פַאר אֵיינֶעם, דַארְף מֶען דֶערְמַאנֶען זַיין מַאמֶע'ס נָאמֶען?..................ב

מֶעג מֶען שְׁמִירְן דִי נֶעגְל מִיט שְׁוַואכֶערֶע סָארְט נֶעיל פַּאלִישׁ?.........................ד

דַארְף מֶען אִיבֶּערְקוּקְן דִי מִצְוַת פוּן כְּפוּלוֹת פַאר פֶּסַח?.............................ה

וְוִי אַזוֹי קֶען אִיךְ צוּגֵיין צוּם יוֹם טוֹב אֵיינֶער אַלֵיין?...............................ו

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

אִיךְ ווִיל מַיינֶע תַּלְמִידִים זָאלְן גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג, בִּפְרַט שַׁבָּת קוֹדֶשׁ ............א

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט הָאבְן אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה אוּן זַיין שְׁטֶענְדִיג פְּרֵיילִיךְ .....ב

דִיר נִישְׁט אָן קַיין אַלְקָאהָאל ..............................................................ב

רֶעד צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה ..................................................ג

עֶס לוֹינְט זִיךְ אַוֶועק צוּ גֶעבְן אַבִּיסְל צַייט פַאר זַיין עִבְרִי..............................ג

מְכַבֵּד זַיין אוּן טְרַאכְטְן שֵׁיין פוּן דִי עֶלְטֶערְן..............................................ד

וָואס וֶועט בְּלַייבְּן פוּן אוּנְז? נָאר חִינוּךְ הַיְלָדִים אוּן תּוֹרָה וּתְפִלָּה.........................ה

אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט צַייטְלִיךְ, קֶענְסְטוּ נִישְׁט זַיין אַ מְלַמֵּד .................................ו

הֶער אוֹיס דַיין ווַייבּ אוּן פְּרוּבִּיר אִיר צוּ פַארְשְׁטֵיין....................................ז

לָאז זִיךְ נִישְׁט פַארְדְרֵייעֶן פוּן דִי חֲבֵרִים וָואס שְׁלֶעפְּן דִיךְ אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ בַּיינַאכְט...ח

קַיין גוּטְס קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס פוּן שַׁבָּתוֹן'ס..................................................ח

אַלֶעס אִיז נָאר פַאר עֶנְקֶער טוֹבָה, אִיר וֶועט נָאךְ זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער ........ט

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין שְׁטוּבּ, עֶס זָאל זַיין נָאר עֶרְלִיכֶע גֶעסְט ........................ט

קוּם פוּן צַייט צוּ צַייט רוּף אָדֶער שְׁרַייבּ..................................................י

אַז דִיר אִיז יֶעצְט שְׁוֶוער זָאלְסְטוּ נִישְׁט זִיצְן אִין שְׁטוּבּ מִיט אַן אַרָאפְּגֶעלָאזְטֶע נָאז ... יא
עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער אוּן גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער קוּמְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס..................יב
וֶועק זִיךְ אוֹיף אוּן זַיי זִיךְ פְּרִישׁ מְקַרֵב צוּם רֶבִּי'ן ...........................................יב
מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט עֶסְן קַיין חָמֵץ ............ יג
אַ גֶעשְׁמַאק צוּ זַיין מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ .................................................................יד
דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְן אַז אַלֶעס זָאל זַיין גוּט................... יז
מִיטְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, שֵׂכֶל אוּן חִיזוּק, אִיז דֶער לֶעבְּן אַ זִיסֶע חָלוֹם........................ יט
אַז עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער אוּן בִּיטֶער, זָאלְסְטוּ נִישְׁט וַוארְפְן דִי שׁוּלְד אוֹיפְן רֶבִּי'ן ....... יט
פַארְגֶעס נִישְׁט אוֹיסְצוּדְרֵייבִיגְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת...........................................כ
פִּיר זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הֲפָצָה ....................................... כא
אַ סְגוּלָה אַוֶועק צוּ נֶעמֶען דִי דִינִים.....................................................................כב
עֶס אִיז וִוירְכְטִיג פַאר דִי חִינוּךְ אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זֶען וִוי מֶען מַאכְט דִי מִצְוֹת ........ כג
דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן טוּן אַ מִצְוָה פְּרֵיילִיכֶערְהֵייט...............................................כד
עֶס לוֹינְט נִישְׁט דִי גֶעלְט צוּ אַרְבֶּעטְן אִין אַן נִישְׁט עֶרְלִיכֶער פְּלַאץ.......................כה
זָאג יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן מִצְרַיִם .......................כו
אַז מֶען וִויל פַּרְנָסָה דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ......................................כח

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וֶוען מֶען בֶּעט פַּאר אֵיינֶעם, דַארְף מֶען דֶערְמַאנֶען זַיין מַאמֶע׳ס נָאמֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף יֶעדְן טָאג אָן אַ קַאפְּל, מַיין קַאפְּל פַּאלְט אַרָאפּ יֶעדֶע נַאכְט אִינְמִיטְן שְׁלָאף, אִיז דָאס אַ פְּרָאבְּלֶעם? אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּן אַן עֵצָה דֶערוֹיף?

אוֹיךְ וִויל אִיךְ פְרֶעגְן, וֶוען מֶען מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר אַ גֶעווִיסְן מֶענְטְשׁ - דַארְף מֶען דֶערְמַאנֶען דֶעם נָאמֶען פוּנֶעם מֶענְטְשׁ מִיט זַיין מַאמֶע'ס נָאמֶען? אָדֶער מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט צוּ אַ חַבֵר, מֶען זָאגְט דִי נָאמֶען ווִי אַזוֹי מֶען רוּפְט אִים נָארְמַאל, מִיט זַיין לֶעצְטֶע נָאמֶען?

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּאר מַיין הִתְבּוֹדְדוּת אוּן תְּשׁוּבָה, אוּן פַארְן מִיךְ מַאכְן דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן כְּסֵדֶר.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת צַו, ח׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיינֶע פְרַאגֶעס.**

**רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן כְּדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ, אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט אוּן שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ גוּטֶער פְרַיינְט, אוּן אַז עֶס קוּמְט אוֹיס צוּ בֶּעטְן פַּאר אַ צְוֵוייטְן - זָאלְסְטוּ דָאס שְׁמוּעֶסְן אַזוֹי ווִי דוּ רֶעדְסְט מִיט אַ פְרַיינְט, דַארְפְסְט**

נִישְׁט זָאגְן דִי גַאנְצֶע נָאמֶען. לְמָשָׁל אוֹיבּ יֶענֶער הָאט דְרַיי נֶעמֶען אוּן מֶען רוּפְט אִים מִיט אֵיין נָאמֶען - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר יֶענֶעם אַזוֹי ווִי דוּ ווָאלְסְט גֶעבֶּעטְן דַיין גוּטְן פְרַיינְט, אוֹיךְ דַארְפְסְטוּ נִישְׁט זָאגְן דֶעם טַאטְנ׳ס נָאמֶען, דֶעם מַאמֶע׳ס נָאמֶען; שְׁמוּעֶס אוֹיף אַ הֵיימִישֶׁע ווֶעג אַזוֹי ווִי צְווַיי גוּטֶע פְרַיינְט שְׁמוּעֶסְן.

ווֶען רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אָנְהוֹיבּ פוּן זַיין הִתְקַרְבוּת, הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶענוּמֶען אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר. אַזוֹי שְׁפַּאצִירְנְדִיג הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף רֶבִּי נָתָן׳ס אַקְסְל אוּן גֶעזָאגְט: "אוּן ווַייטֶער אִיז זֵייעֶר גוּט, אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַ גוּטְן פְרֵיינְט"; דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט אַנְטְפְּלֶעקְט דִי זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעווָאוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ ווָאס עֶר אִיז צוּגֶעווָאוֹינְט צוּ רֶעדְן, אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן אוּן גָארְנִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן אִים. רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט שְׁפֶּעטֶער גֶעזָאגְט: "ווֶען דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף מַיין אַקְסְל אוּן מִיר גֶעזָאגְט דִי ווֶערְטֶער 'אוּן ווַייטֶער אִיז זֵייעֶר גוּט אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַ גוּטְן פְרֵיינְט', הָאבּ אִיךְ גְלַייךְ גֶעשְׁפִּירְט אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַ ווֶעג צוּ מַצְלִיחַ צוּ זַיין אִין לֶעבְּן; ווַייל ווָאס עֶס זָאל נָאר נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין אוֹיף מִיר - ווֶעל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, נָאר גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן" (פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תכג-תכד).

בְּנוֹגֵעַ שְׁלָאפְן מִיט אַ קַאפְּל, דוּ פְרֶעגְסְט ווָאס מֶען טוּט אַז דִי קַאפְּל זָאל נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן; עֶס זֶענֶען דָא שְׁלָאף קַאפְּלֶעךְ ווָאס פַאלְן נִישְׁט אַרָאפּ בַּיים שְׁלָאפְן, דִי סָארְט קַאפְּל ווָאס קוּמְט אַרָאפּ אַ בְּרֵייטֶע רִינְג, עֶס זֶעט אוֹיס ווִי דִי חַזָּנִים קַאפְּל; דִי סָארְט הַאלְט זִיךְ בֶּעסֶער אוֹיפְן קָאפּ. נָאךְ אַן עֵצָה אִיז דָא, ווֶען מֶען הָאט קוּרְצֶע הָאר, מֶען שֶׁערְט זִיךְ מֶער אָפְּט - הַאלְט זִיךְ דִי קַאפְּל גוּט אוֹיפְן קָאפּ.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט בְּלַייבְּן פַארְבּוּנְדְן בַּיים רֶבִּי׳ן בָּזֶה וּבַבָּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

**מֶעג מֶען שְׁמִירְן דִי נֶעגְל מִיט שְׁוַואכֶערֶע סָארְט נֶעיל פַּאלִישׁ?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיבּ שְׁמִירְן אוֹיל אוֹיף דִי נֶעגְל אִיז דִי זֶעלְבֶּע ווִי נֶעיל פַּאלִישׁ, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעשְׁרִיבְּן: "שְׁמִירְט נִישְׁט אַייעֶר נֶעגְל", הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט אִיבֶּערְפְרֶעגְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעמֵיינְט דֶערְמִיט, אַז עֶס אִיז נָאר אַ פְּרָאבְּלֶעם צוּ שְׁמִירְן נֶעיל פַּאלִישׁ, אָדֶער אִיז שְׁמִירְן אוֹיל אוֹיךְ אַ פְּרָאבְּלֶעם?

נֶעיל פַּאלִישׁ אִיז גוֹי'אִישׁ, אָבֶּער צוּ לֵייגְן נָאר אַ שַׁיין מִיט אוֹיל אִיז אַנְדֶערְשׁ ווִי שְׁמִירְן אַ נֶעיל פַּאלִישׁ מִיט אַ קָאלִיר. אוֹיךְ קוּמְט דִי אוֹיל אַרָאפּ נָאךְ צְוֵויי דְרֵיי טֶעג, אִיז דָאס אוֹיךְ אַ פְּרָאבְּלֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת צַו, ח' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**
**מָרַת ... תִּחְיֶ' בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**וָואלְט אִיר גֶעוְויסְט וָואס פַּאר אַ דִינִים מֶען בְּרֶענְגְט אוֹיף זִיךְ וֶוען מֶען שְׁמִירְט דִי נֶעגְל, וָואס פַּאר אַ קְלִיפּוֹת קוּמֶען צוּם מֶענְטְשׁ - וָואלְט אִיר גֶעצִיטֶערְט פַאר פַּחַד; עֶס וָואלְט אַייךְ בִּכְלָל נִישְׁט גֶעגְלִיסְט דָאס צוּ טוּן, אוֹיךְ וָואלְט אִיר נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע וָואס טוּעֶן דָאס.**

**מַאכְט נִישְׁט דִי נֶעגְל, שְׁמִירְט נִישְׁט אַייעֶרֶע נֶעגְל. אִיךְ זָאג אַייךְ צוּ - בְּכֹחַ הַצַּדִּיק מוֹהֲרָאַ"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת אַז אִיר וֶועט נִישְׁט שְׁמִירְן אַייעֶרֶע נֶעגְל.**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

### דַארְף מֶען אִיבֶּערְקוּקְן דִי מִצְוַת פוּן כְּפוּלוֹת פַאר פֶּסַח?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען דַארְף עֶפֶענֶען דִי מַצּוֹת אִין שְׁטוּבּ עֶרֶב פֶּסַח אוּן אִיבֶּערְקוּקְן אוֹיבּ עֶס אִיז דָא כְּפוּלוֹת אוּן עֶס אַרָאפְּבְּרֶעכְן, אָדֶער אִיז גֶענוּג זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיף דִי מַצָּה בֶּעקֶערַיי אַז זֵיי נֶעמֶען עֶס שׁוֹין אַרָאפּ?

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ ווִיסְן ווִי אַזוֹי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פִּירְט זִיךְ מִיט דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי א', י"א נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ דַיין פְרַאגֶע וֶועגְן כְּפוּלוֹת וְכוּ'; אִיךְ קוּק נִישְׁט דוּרְךְ דִי מַצּוֹת עֶרֶב פֶּסַח, אוּן אוֹיבּ מִיר טְרֶעפְן אִין דִי מַצָּה אַ כֵּפֶל - בְּרֶעכְט מֶען עֶס אַרָאפּ אוּן מֶען עֶסְט דָאס נִישְׁט.

דֶער עִיקָר אִיז שְׁמִירַת הַמֹּחַ, שְׁמִירַת הַבְּרִית, דָאס אִיז מַצָּה שְׁמוּרָה; אַז מֶען הִיט דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה, מֶען הִיט דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ - זָאגְט דֶער רֶבִּי - דָאס אִיז מַצָּה שְׁמוּרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

### ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ צוּגֵיין צוּם יוֹם טוֹב אֵיינֶער אַלֵיין?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וָואס קֶען אִיךְ טוּן? אִיךְ קֶען עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן, אִיךְ גֵיי אַרַיין צוּ נָאךְ אַ יוֹם טוֹב אַלֵיין. אַלֶע מַיינֶע בְּרִידֶער קוּמֶען מִיט זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער, אוּן אִיךְ בִּין נָאךְ אַלְץ אַלֵיין.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיי מוֹהַרְא"שְ'ס צִיּוּן, אוֹיסְגֶעזָאגְט גַאנְץ תְּהִלִּים, וָואס נָאךְ זָאל אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי א׳, י״ג נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, פְּרוּבִּיר מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. אֲפִילוּ עֶס אִיז דִיר בִּיטֶער שְׁוֶוער, דוּ בִּיסְט אַ פְּלַג גוּף, דוּ בִּיסְט אַלֵיין, דוּ בִּיסְט שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אַלֵיין - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צֶעבְּרֶעכְן, נָאר בְּלַייבְּן וַוייטֶער שְׁטַארְק מִיט דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, אוּן טוּן אַלֶע מִצְוֹת מִיט שִׂמְחָה.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי זֵייעֶר גוּט דַיין וֵוייטָאג, אַלֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער קוּמֶען מִיט דִי וַוייבֶּער מִיט דִי קִינְדֶער אוּן דוּ זִיצְט בַּיים סֵדֶר אַלֵיינְס, בִּיסְט אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, בִּיסְט אַזוֹי פַארְקְלֶעמְט - דָאךְ זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן שְׁטַארְק אוּן טוּן דִי מִצְוֹת מִיט שִׂמְחָה.

בַּיים סֵדֶר זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּמְט אַרָאפּ בַּיים סֵדֶר מִיט דִי גַאנְצֶע פַּמַלְיָא שֶׁל מַעֲלָה, זָאלְסְטוּ בֶּעטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעבּ מִיר מַיין שִׁידוּךְ. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיךְ ווִיל נִישְׁט זַיין אַלֵיין, אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ ווִיל נִישְׁט פּוֹגֵם זַיין. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעבּ מִיר אַ שִׁידוּךְ פַּאר אֲפִיקוֹמָן"; וֵויין זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען דִיר הֶעלְפְן.

וֶוען דוּ וֵויינְסְט - זָאלְסְטוּ וֵויינֶען מִיט שִׂמְחָה, מִיט לִיבְּשַׁאפְט. נָאר דִי טְרֶערְן גֵייעֶן אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל טְרֶערְן פוּן עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה - דָאס אִיז נִישְׁט גוּט, מֶען טָאר נִישְׁט פַארְלִירְן דִי אֱמוּנָה, מֶען מוּז זַיין שְׁטַארְק, פֶעלְזְן פֶעסְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**אִיךְ ווִיל מַיינֶע תַּלְמִידִים זָאלְן גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג, בִּפְרַט שַׁבָּת קוֹדֶשׁ**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ"ט אֲדָר, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן הֶעלְפְן אַזוֹי גֶעטְרֵיי אַהֶערְצוּשְׁטֶעלְן דִי מַצָּה בֶּעקֶערֵיי.

יֶעצְט ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן עֶנְדִיגְן גְרָאבְּן דִי מִקְוֶה בַּיים בֵּית הַמֶדְרָשׁ לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן; אִיךְ מוּז צוּשְׁטֶעלְן אַ מִקְוֶה פַאר דִי נַייעֶ גֶעגְנְט פַאר שַׁבָּת, אִיךְ ווִיל מַיינֶע תַּלְמִידִים זָאלְן גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג, בִּפְרַט שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

בֶּעט אִיךְ דִיר, הֶעלְף מִיר עֶנְדִיגְן מִיט דִי מִקְוֶה. וַוייז דֶעם בְּרִיוו פַאר יוֹאֵל הַכֹּהֵן. אוּן אַז דוּ דַארְפְסְט בָּחוּרִים זָאלְן הֶעלְפְן גְרָאבְּן דֶעם גְרוּבּ – וֶועל אִיךְ דִיר אַרוֹיסְשִׁיקְן גֶעטְרֵייעֶ בָּחוּרִים זָאלְן הֶעלְפְן. דָאס וֶועט זַיין אַ זְכוּת פַאר דִיר פַאר בָּנִים וּבְנֵי בָנִים, כַּיָּדוּעַ פוּן צַדִיקִים אַז וֶוער עֶס הֶעלְפְט בּוֹיעֶן אַ מִקְוֶה אוּן אוֹיךְ אַן עֵירוּב – אִיז דָאס מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער.

אַ פְרֵיילִיכְן כָּשֵׁר'ן פֶּסַח.

...

## בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט הָאבְּן אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה אוּן זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, כ״ט אֲדָר, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה צוּ הֶערְן אַז דוּ גֵייסְט יֶעדֶע נַאכְט צוּם שִׁיעוּר גְמָרָא פוּנֶעם דַיָין שְׁלִיטָ״א, בִּיסְט קוֹבֵעַ עִתִּים לַתּוֹרָה, בִּפְרַט בַּיי אַזַא מַגִיד שִׁיעוּר; קֶענְסְט אַסַאךְ קוֹנֶה זַיין פוּן אִים, אַסַאךְ יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן הִתְחַזְקוּת.

גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, זִיץ אִין פֶעלְד אָן דַיין טֶעלֶעפָאן, אָן קַיין שׁוּם שְׁטֶער. רֶעד זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים:

"הוֹרֵינוּ ה׳ דַרְכֶּיךָ, לֶערְן מִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה, אֲהַלֵּךְ בַּאֲמִתֶּיךָ, אִיךְ זָאל זִיךְ פִירְן מִיט אֱמֶת, יַחֵד לְבָבִי, רֵיינִיג מַיין הַארְץ, לְיִרְאָה שְׁמֶךָ, צוּ מוֹרָא הָאבְּן פוּן דִיר".

בֶּעט אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ, דַיין מַאמֶע לָשׁוֹן - זָאלְסְט הָאבְּן אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה אוּן זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ.

...

## דִיר נִישְׁט אָן קַיין אַלְקָאהָאל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, כ״ט אֲדָר, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט גוּט דִי מִנְהָג וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט, צוּ מַאכְן אַ לְחַיִּים נָאכְן דַאוֶוענֶען אוֹיף בְּרוֹינְפְּן.

אוֹיךְ קֶען דָאס זַיין אַ סַכָּנָה. אַז דוּ וֶועסְט טְרִינְקֶען אֵיין גְלֶעזֶעלֶע אוּן נָאךְ אַ גְלֶעזֶעלֶע אוּן גֵיין אַרְבֶּעטְן; דְרֵייוְון אַ קַאר - קֶענְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם אַרָאפְּקְלַאפְּן אָדֶער הַרְגְ׳עֶנֶען, אוּן מֶען וֶועט דִיךְ לֵייגְן אִין תְּפִיסָה.

רִיר נִישְׁט אָן קַיין אַלְקָאהָאל, בְּרוֹינְפְּן; מַאךְ אַ לְחַיִּים נָאכְן דַאוֶוענֶען אוֹיף אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת, אַ בְּלַאט גְּמָרָא, אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים.

יֶעצְט קוּמְט פֶּסַח, דַארְפְן מִיר בֶּעטְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּם פֶּסַח, צוּ דִי קְדוּשָּׁה פוּן פֶּסַח אוּן צוּ אֱמוּנָה.

...

## רֶעד צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

דַארְפְסְט רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה, בִּפְרַט אִין כִּתָּה ...; דֶער מְלַמֵּד אִיז נֵיי אוּן וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן אוּן אִיךְ וֵוייס אַז עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער דָארְט וָואס שְׁפִּילְן זִיךְ נִישְׁט עֶרְלִיךְ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף מִיר זַיין אִין שְׁטֶעטְל אַ שְׁטִיקְל מְנַהֵל פַאר אַלֶע קְלַאסְן, פַאר אַלֶע קִינְדֶער, נָאךְ דִי פָּאר וָואכְן.

נֶעם אַפִּיר דִי קִינְדֶער ..., ... אוּן ... אוּן רֶעד צוּ זֵיי פוּן דִי הַארְבְּקֵייט פוּן אָנְרִירְן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ. יֶעצְט זֶענֶען זֵיי נָאךְ יוּנְג, יֶעצְט אִיז דִי צַייט זֵיי אַוֶועק צוּ שְׁטֶעלְן אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, זֵיי זָאלְן וַואקְסְן צַדִּיקִים.

בְּרוּדֶער, אַלֶע אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער, אַלֶע מוּטְשֶׁען זִיךְ, ווארוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶס וֶועט בְּלַייבְּן פוּן זַיין מוּטְשֶׁען, עֶס וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען כְּבוֹד שָׁמַיִם.

...

## עֶס לוֹינְט זִיךְ אַוֶועק צוּ גֶעבְּן אַבִּיסְל צַייט פַאר זַיין עִבְרִי

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ' בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

דֶער מְלַמֵּד פוּן אַייעֶר זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר זָאגְט מִיר אַז אַייעֶר זוּן פַאלְט אַרוֹיס פוּן קֶענֶען דִי עִבְרִי. וִויל אִיךְ אַייךְ בֶּעטְן, אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר אַוֶועק גֶעבְּן אַבִּיסְל

מֶער צַייט פַאר אִים, חַזְרֶ'ן מִיט אִים דִי עִבְרִי; וַוייל עֶס אִיז אַ שָׁאד עֶר זָאל אַרוֹיסְפַאלְן פוּן דִי כִּתָּה. מִיט אַבִּיסְל צַייט אִינְדֶערְפְרִי וָואס מֶען וֶועט לֶערְנֶען מִיט אִים פְּרִיוַואט אוּן רוּאִיג - קֶען עֶר זִיךְ שַׁיין צוּרִיק כַאפְּן.

... אִיז אַ טַייעֶר קִינְד, אַ גוּט קִינְד מִיט גָאלְדֶענֶע מִידוֹת; עֶס לוֹינְט זִיךְ אַוֶועק צוּ גֶעבְּן אַבִּיסְל צַייט פַאר זַיין עִבְרִי.

בַּיי דִי לִיכְט זָאלְט אִיר לָאזְן אַפָּאר טְרֶערְן פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן אַלֶע אוֹיסְוַואקְסְן צַדִיקִים.

אוֹיךְ אַ גַאנְצֶע וָואךְ, יֶעדְן טָאג, זָאלְט אִיר שְׁפַּאצִירְן הִינְטֶער אַייעֶר שְׁטוּב אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן פַאר אַייעֶרֶע דוֹרוֹת.

...

## מְכַבֵּד זַיין אוּן טְרַאכְטְן שַׁיין פוּן דִי עֶלְטֶערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת צַו, ד׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳, בֵּית שֶׁמֶשׁ

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וֶוען עֶס קוּמֶען אַרַיין אִין אַייךְ דִי מַחֲשָׁבוֹת אַז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן זֶענְט אִיר שׁוֹין סֵיי וִוי סוּג ב׳ אוּן אִיר זֶענְט שׁוֹין סֵיי וִוי פַארְפַאלְן - זָאלְט אִיר זִיךְ זָאגְן: ״לִיגְנְט!״ זָאגְט זִיךְ אַלֵיינְס: ״נִישְׁט אֱמֶת!״ ״אִיךְ בִּין בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ בַּת יְחִידָה״, ״אִיךְ בִּין זֵייעֶר גוּט אוּן זֵייעֶר חָשׁוּב״.

דִי אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס אִיר טְרַאכְט: ׳אִיךְ בִּין נִישְׁט גוּט׳ - דָאס אִיז פוּנֶעם שָׂטָן, פוּנֶעם מַלְאַךְ הַמָּוֶת וָואס ווִיל הַרְגְ׳עֶנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן אִים צוּנֶעמֶען אַלֶעס פוּן זַיין לֶעבְּן. בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט אִים נִישְׁט צוּהֶערְן, נָאר גְלֵייבְּן אַז אִיר זֶענְט זֵייעֶר זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בְּנוֹגֵעַ קוּקְן מָאוִויס, פְּלֶעיס וְכוּ׳ וְכוּ׳; עֶס לוֹינְט זִיךְ נִישְׁט צוּ קוּקְן, עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ הִיטְן פוּן דִי זַאכְן. וַוייל אַז מֶען הָאט הֵיילִיגֶע אוֹיגְן אוּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, דָאס לֶעבְּן אִיז זִיס אוּן גֶעשְׁמַאק.

וּבְנוֹגֵעַ וָואס אִיר זָאגְט, עֶס אִיז אַייךְ שְׁוֶוער צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן אִין

הַארץ, עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ טְרַאכְטְן שֵׁיין פוּן זֵיי; וְויסְן זָאלְט אִיר, מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת קֶען מֶען צוּ דֶעם אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן, אִיךְ זָאל זֵיי מְכַבֵּד זַיין, אִיךְ זָאל טְרַאכְטְן נָאר גוּטְס אוֹיף זֵיי. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, עֶס אִיז מִיר גְרִינְג צוּ טְרַאכְטְן אוֹיף אַנְדֶערֶע גוּט, אִיךְ קֶען דַן זַיין לִזְכוּת פְּרֶעמְדֶע, אָבֶּער מַיינֶע אֵייגֶענֶע עֶלְטֶערְן, מַיינֶע נָאנְטֶע - אוֹיף זֵיי אִיז שְׁוֶוער צוּ טְרַאכְטְן גוּטְס; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זֵיי מְכַבֵּד זַיין אוּן אוֹיךְ אִין הַארץ זָאל אִיךְ זֵיי מְכַבֵּד זַיין. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל דִיךְ שְׁפִּירְן".

מִיט תְּפִלָּה וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען טוּן דִי מִצְוָה וִוי מֶען בַּאדַארְף.

...

## וָואס וֶועט בְּלַייבְּן פוּן אוּנְז? נָאר חִינוּךְ הַיְלָדִים אוּן תּוֹרָה וּתְפִלָּה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת צַו, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן
לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יא), דֶער מֶענְטְשׁ פוּן וַואלְד (דָאס אִיז דֶער צַדִּיק) - הָאט גֶעזָאגְט פַארְן אֱמֶת'ן בֶּן מֶלֶךְ (דָאס אִיז דֶער אִיד וָואס וֵוייסְט נִישְׁט זַיינֶע כֹּחוֹת אוּן פוּן וואו עֶר שְׁטַאמְט): "הֶער אוֹיף נָאכְלוֹיפְן דַיינֶע עֲבֵירוֹת, הָאסְט שׁוֹין גֶענוּג גֶעאַרְבֶּעט", עַיֵּין שָׁם.

בַּיי דִיר אִיז אוֹיךְ אַזוֹי, הָאסְט שׁוֹין גֶענוּג גֶעאַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער, וָואס דַארְפְסְטוּ צוּרִיק גֵיין אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער? נִישְׁט אַלֶעס אִיז גֶעלְט; הָאסְט אַ מִשְׁפָּחָה, וֶוען וֶועסְטוּ קוּקְן אוֹיף זֵיי? עֶנְדֶערְשׁ אַרְבֶּעט פַאר דִיר אוּן אִין דִי אִיבְּרִיגֶע צַייט זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אוּן מְחַנֵּךְ זַיין דַיינֶע קִינְדֶער.

נָאךְ אַבִּיסְל גֵייעֶן מִיר אַלֶע אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, אוּן וָואס וֶועט בְּלַייבְּן פוּן אוּנְז? נָאר חִינוּךְ הַיְלָדִים אוּן תּוֹרָה וּתְפִלָּה.

...

**אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט צַייטְלִיךְ, קֶענְסְטוּ נִישְׁט זַיין אַ מְלַמֵד**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת צַו, ה' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

זַיין אַ מְלַמֵד אִיז נִישְׁט קַיין קִינְדֶער שְׁפִּיל, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע אַחְרָיוּת. אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן, פוּן אֵיין זַייט בִּין אִיךְ זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן דַיין אַרְבֶּעט, אָבֶּער אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט צַייטְלִיךְ - קֶענְסְטוּ נִישְׁט זַיין אַ מְלַמֵד.

דָאס אִיז דִי לֶעצְטֶע מָאל וָואס אִיךְ פְּרוּבִּיר מִיט דִיר, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט וַוייטֶער קוּמֶען שְׁפֶּעט - קֶענְסְטוּ מֶער נִישְׁט זַיין בַּיי אוּנְז אַ מְלַמֵד. וַוייל אַז דוּ בָּארְגְסְט גֶעלְט פוּן מֶענְטְשְׁן, אָדֶער דוּ גַנְבְ'עֶסְט גֶעלְט - קֶענְסְטוּ פַארֶעכְטְן אוּן בַּאצָאלְן, אָבֶּער אַז דוּ קוּמְסְט שְׁפֶּעט אוּן דוּ לָאזְט דִי קִינְדֶער הֶפְקֵר - אוֹיף דֶעם אִיז נִישְׁטָא קַיין כַּפָּרָה.

מִיר הָאבְּן מְלַמְדִים וָואס אִיז נִישְׁטָא אִין אַנְדֶערֶע מוֹסְדוֹת, טֵייעֶרֶע הַארְצִיגֶע וְכוּ' וְכוּ'; אָבֶּער דִי הֶפְקֵרוּת פוּן קוּמֶען שְׁפֶּעט - דָאס אִיז אוֹיךְ נִישְׁטָא אִין עֶרְגֶעץ, אִיךְ מוּז יֶעצְט אַרָאפְּשְׁטֶעלְן אַ פּוּס אוּן דָאס פַארֶעכְטְן.

...

**זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אִינְטֶערֶעסִירְן בַּיים מְלַמֵד אוּן מִיט-אַרְבֶּעטְן מִיט אִים**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת צַו, ה' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

דֶער מְלַמֵד פוּן דַיין זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר זָאגְט מִיר, עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט אִים; סַיי מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, סַיי מִיט דַאוֶונֶען. אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן, סַיי דוּ אוּן סַיי דַיין וַוייבּ - זָאלְן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אִינְטֶערֶעסִירְן בַּיים מְלַמֵד אוּן מִיט-אַרְבֶּעטְן מִיט אִים; אַ שָׁאד אַז דִי שֵׁיינֶע קִינְדֶער יָארְן פוּן דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן אַרִיבֶּערְגֵיין אַזוֹי.

חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת אִיז נִישְׁט גְרִינְג, עֶס אִיז אַן עֲבוֹדָה קָשָׁה, אָבֶּער עֶס לוֹינְט זִיךְ, עֶס צָאלְט זִיךְ אוֹיס.

אִיךְ בֶּעט דִיר און אויךְ דַיין וַוייבּ, לָאמִיר אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם. אִיר הָאט טֵייעֶרֶע קִינְדֶער; ... נֵרוֹ יָאִיר אִיז אַ גוּט קִינְד, אָנְגֶעפִילְט מִיט עֶנֶערְגִיֶע, אִיךְ הָאבּ אִים זֵייעֶר לִיבּ; עֶס אִיז אַ שָׁאד אַז דִי יָארְן זָאלְן אַרִיבֶּערְגֵיין אַזוֹי.

גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת יֶעדְן טָאג, דַאנְק און לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און בֶּעט פַאר דִי קִינְדֶער.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ הֶעלְפְן דַיין וַוייבּ.

...

### הֶער אוֹיס דַיין וַוייבּ און פְּרוּבִיר אִיר צוּ פַארְשְׁטֵיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת צַו, ה׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אַ וַוייבּ וִויל אַ מַאן זָאל אִיר אוֹיסְהֶערְן און פַארְשְׁטֵיין, גָארְנִישְׁט מֶער און גָארְנִישְׁט וֵוייניִגֶער.

דַיין וַוייבּ וַוארְט אַ גַאנְצְן טָאג דוּ זָאלְסְט אַהֵיימְקוּמֶען - דִיר צוּ קֶענֶען דֶערְצֵיילְן אִיר טָאג, אִיר פְּלָאג, אִיר וֵוייטָאג וְכוּ׳ וְכוּ׳; דַארְפְסְטוּ הַאלְטְן קָאפּ אוֹיף דֶעם. אֲפִילוּ דוּ אַרְבֶּעטְסְט שְׁוֶוער, בִּיסְט אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט, דַיינֶע אוֹיגְן קְלֶעבְּן זִיךְ צוּ - דַארְפְסְטוּ אִיר אוֹיסְהֶערְן און פְּרוּבִירְן פַארְשְׁטֵיין אִירֶע שִׂמְחוֹת און בְּכִיּוֹת, און אִיר מְחַזֵּק זַיין; גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט, עֶר וָואלְט גֶעדַארְפְט שְׁרַייבְּן נָאךְ אַ סֶעט לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת נָאר אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת, אוֹיף דְּבָרִים שֶׁבֵּינוֹ לְבֵינָהּ. בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן נִישְׁט אֵיין סֶעט, נִישְׁט אַכְט סֶעטְס; אִיבֶּער צְוֵוויי הוּנְדֶערְט בֶּענְדֶער חִיזוּק אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת, אוֹיף וִוי אַזוֹי מֶען לֶעבְּט אִין שְׁטוּבּ, מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ און אִיר הֶעלְפְן וְכוּ׳ וְכוּ׳.

...

## לָאז זִיךְ נִישְׁט פַארְדְרֵייעֶן פוּן דִי חֲבֵרִים וָואס שְׁלֶעפְּן דִיךְ אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ בַּייְנַאכְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת צַו, ה' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְעֶר לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט דַיין טַאטֶע. דַיין טַאטֶע ווִיל נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטֶס, עֶר אִיז דִיר מֶער נָאנְט פוּן דִי חֲבֵרִים. לָאז זִיךְ נִישְׁט פַארְדְרֵייעֶן פוּן דִי חֲבֵרִים וָואס שְׁלֶעפְּן דִיךְ אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ בַּייְנַאכְט, זֵיי קְוֶועטְשְׁן אוֹיס פוּן דִיר גֶעלְט; זֵיי זֶענֶען חֲבֵרִים פַאר דַיין גֶעלְט, גָארְנִישְׁט מִיט דִיר.

קוּם אִין יְשִׁיבָה, לֶערְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת מִיט דַפִּים גְמָרָא. נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ, אָבֶּער נָאר אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ אוּן רֵיין, מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

שְׁרַייבּ מִיר צוּרִיק - וֶועסְטוּ מִיךְ מְחַיֶּ' זַיין.

...

## קַיין גוּטְס קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס פוּן שַׁבַּתּוֹן'ס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת צַו, ה' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְעֶר לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי פֶעלְזְן פֶעסְט צוּ בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ, גֵיי נִישְׁט צוּ דִי שַׁבָּתִים פוּן גְרוּשִׁים. בְּנִי, אַל תֵּלֵךְ בְּדֶרֶךְ אִתָּם, דוּ וֶועסְט פַאלְן פוּן דַיין יִרְאַת שָׁמַיִם.

בִּכְלַל אִיז שַׁבַּתּוֹן'ס נִישְׁט קַיין גוּטֶע זַאךְ, קַיין גוּטְס קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס פוּן דֶעם. מִיט אַלֶע הַסְכָּמוֹת, מִיט אַלֶע רֶעדְנֶערְס, בַּדְחָנִים, טֶערֶעפִּיסְטְן - קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס קַיין גוּטְס פוּן דֶעם, הַלְוַואי זָאלְן קוּמֶען רַבָּנִים אוּן דָאס מְבַטֵּל זַיין כְּעַפְרָא דְאַרְעָא.

בְּלַייבּ שַׁבָּתִים בַּיי דַיין טַאטֶע אִין שְׁטוּבּ, אָדֶער גֵיי צוּ אַ בְּרוּדֶער, אַ שְׁוָואגֶער, אַ זֵיידֶע אוּן בְּקָרוֹב וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ.

בַּייְנַאכְט גֵיי שְׁלָאפְן, גֵיי נִישְׁט צוּ קַיין פַּארְטִיס. הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק, עֶס וַוארְט דִיר גוּטֶע טֶעג.

בַּאשׁוּלְדִיג זִיךְ נִשְׁט און בַּאשׁוּלְדִיג נִשְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס וָואס דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט וְכוּ׳ און זִיךְ גֶעדַארְפְט גֶט׳ן וְכוּ׳ - אִיז נִישְׁט דַיין שׁוּלְד; פַארְוָואס און פַארְוֶוען - וֵוייסְן מִיר נִישְׁט, מִיר גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה.

...

## אַלֶעס אִיז נָאר פַאר עֶנְקֶער טוֹבָה, אִיר וֶועט נָאךְ זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת צַו, ה׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט און יֶעצְט דַארְפְסְטוּ זַיין דֶער וָואס שְׁטַארְקְט זִיךְ, דוּ דַארְפְסְט שְׁטַארְקְן דַיין וַוייבּ אַז אַלֶעס אִיז נָאר פַאר עֶנְקֶער טוֹבָה. אִיר וֶועט נָאךְ זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער. מֶען טָאר נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט נָאר גוּטְס, עֶס אִיז זִיכֶער גֶעוֶוען נָאר פַאר עֶנְקֶער טוֹבָה.

לֶערְן יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט תַּרְגוּם און צְוֵויי פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת מִיטְן בְּלַאט גְמָרָא.

גֶעבּ צְדָקָה יֶעדְן טָאג, אָבֶּער מַאךְ נִישְׁט קַיין חוֹבוֹת, בָּארְג נִישְׁט קַיין גֶעלְט צוּ גֶעבְּן צְדָקָה. גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן חוֹבוֹת, וַוייל חוֹבוֹת הַרְגְ׳עֶט דֶעם מֶענְטְשׁ.

...

## גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין שְׁטוּבּ, עֶס זָאל זַיין נָאר עֶרְלִיכֶע גֶעסְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת צַו, ה׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַן אֵשֶׁת חַיִל, הָאסְט אַן אֵיידֶעלֶע וַוייבּ. זָאלְסְט אִיר אוֹיסְהֶערְן וִוי צוּ מַאכְן און פִירְן וְכוּ׳, כָּל אֲשֶׁר

תֹּאמַר שְׁמַע בְּקוֹלָהּ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת י:): "הָאִשָּׁה מַכֶּרֶת בְּאוֹרְחִין", אַ פְּרוּי' דֶערְקֶענְט גֶעסְט; אוּן אַז זִי זָאגְט דִיר נִישְׁט נֶעמֶען וְכוּ' - זָאלְסְטוּ נִישְׁט נֶעמֶען, וַוייל אַז מֶען רֶעדְט נִיבוּל פֶּה - אִיז דָאס אַ סַכָּנָה פַאר דִי גַאנְצֶע שְׁטוּב.

שְׁפִּיר זִיךְ נִישְׁט שׁוּלְדִיג אַז דוּ נֶעמְסְט נִישְׁט דִי... פַאר גֶעסְט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִדְרָשׁ שְׁמוּאֵל יח, ד): "כָּל שֶׁהוּא רַחֲמָן עַל אַכְזָרִים", וֶוער עֶס הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין דַעַת, "לַסּוֹף נַעֲשֶׂה אַכְזָר עַל רַחְמָנִים", וֶועט בַּיים סוֹף זַיין אַן אַכְזָר אוֹיף וֶועם מֶען דַארְף רַחְמָנוּת הָאבְּן; דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיין שְׁטוּב, עֶס זָאל זַיין נָאר עֶרְלִיכֶע גֶעסְט.

וֶוען דַיינֶע עֶלְטֶערְן קוּמֶען צוּ דִיר אִין שְׁטוּב - זָאלְסְטוּ זִיצְן פוּן דֶער זַייט, זֶעץ דַיין טַאטֶע אוֹיבְן אָן אוּן עֶר זָאל פִירְן אוּן פְּרַאוֶוען.

...

### קוּם פוּן צַייט צוּ צַייט רוּף אָדֶער שְׁרַייבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת צַו, ה' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן
לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

מִן הַסְתָּם וֵוייסְטוּ נִישְׁט וִוי שְׁטַארְק אִיךְ בֶּענְק זִיךְ נָאךְ דִיר, וָואלְסְטוּ גֶעוְוּיסְט וִוי אִיךְ בֶּענְק נָאךְ דִיר - וָואלְסְטוּ זִיכֶער גֶעקוּמֶען פוּן צַייט צוּ צַייט, גֶערוּפְן אָדֶער גֶעשְׁרִיבְּן.

טַייעֶרֶער ..., וָואס מַאכְסְטוּ? וִוי אַזוֹי גֵייט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם? וִוי אַזוֹי גֵייט דִיר דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן?

אוֹיךְ וִויל אִיךְ הֶערְן פוּן דַיין טַייעֶרֶע וַוייבּ תִּחְיֶ'. אִיךְ הָאבּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ בִּיסְט אִיר מְכַבֵּד, וַוייל זִי אִיז אַ טַייעֶרֶע מַתָּנָה פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִיר.

שְׁטַארְק זִיךְ, נֶעם זִיךְ נָאר גוּטֶע חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן אַ רֵיינֶע שְׁפְּרַאךְ, אַנְטְלוֹיף פוּן דִי וָואס רֶעדְן לֵיצָנוּת אוֹיף צַדִיקִים אוּן נִיבוּל פֶּה. אוֹיבּ דוּ זוּכְסְט אַ גוּטֶער חָבֵר, אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ זַיין דַיין חָבֵר.

שְׁרַייבּ מִיר כָאטְשִׁיג אֵיין מָאל אַ וָואךְ - וֶועסְטוּ מִיר מְחַיֶּ' זַיין.

...

## אַז דִיר אִיז יֶעצְט שְׁוֶוער זָאלְסְטוּ נִישְׁט זִיצְן אִין שְׁטוּבּ מִיט אַן אַרָאפְּגֶעלָאזְטֶע נָאז

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת צַו, ה' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

...

דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (הַקְדָּמָה, ד.) עֶס גֵייט אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל יֶעדְן טָאג פוּן הִימְל אוּן זָאגְט: "מָאן מִנְכוֹן דִי חֲשׁוֹכָא מְהַפְּכָן לִנְהוֹרָא, וְטָעֲמִין מְרִירָא לְמִתְקָא עַד לָא יֵיתוֹן הָכָא, מָאן מִנְכוֹן דִּמְחַכָּאן בְּכָל יוֹמָא לִנְהוֹרָא דְנָהִיר", וֶוער פוּן עֶנְק אִיז זוֹכֶה צוּ מַאכְן פוּן טוּנְקְל - לִיכְטִיג אוּן פוּן בִּיטֶער - זִיס, דֶער וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ עוֹלָם הַבָּא; וַוייל נָאר דָאס אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן חָשׁוּב, צוּ זֶען וִוי מִיר צֶעבְּרָאכֶענֶע צֶעהַאקְטֶע מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ שְׁטַארְקְן זִיךְ אוּן מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ, אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן בַּיי דִי יָמִים נוֹרָאִים בַּיים דַאוֶונֶען: "וְאָבִיתָ תְהִילָה מִגּוּשֵׁי עָפָר" (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד', אוֹת ט), עֶס גֵייט אַרוֹיף אַ לוֹיבּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ וָואס זֶענֶען שְׁטִיקֶער בְּלָאטֶע.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, גֶעבּ אַכְטוּנְג אַז דַיין שְׁטוּבּ זָאל נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין אַ קַטְנוּת הַדַּעַת. אַז דִיר אִיז יֶעצְט שְׁוֶוער זָאלְסְטוּ נִישְׁט זִיצְן אִין שְׁטוּבּ מִיט אַן אַרָאפְּגֶעלָאזְטֶע נָאז, עֶס קֶען חַס וְשָׁלוֹם אַרָאפְּוַוארְפְן דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ. מַאךְ זִיךְ פְרֵיילִיךְ אוּן מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

הַלְוַואי זָאלְסְטוּ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי, זִיךְ גוּט אוֹיסְרֶעדְן אוּן אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דִיר אַלֶעס גֵיין גְרִינְגֶער.

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין שְׁטוּבּ, בֵּיתוֹ זֶה אִשְׁתּוֹ (יוֹמָא ב.).

...

**עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער אוּן גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער קוּמְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת צַו, ה׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא**

אִיר קוּמְט אִין סְקוּל אָנְגֶעטוּן זֵייעֶר אֵיידְל, הַלְוַואי זָאלְט אִיר גֵיין אָנְגֶעטוּן אַזוֹי אֵיידְל אוֹיךְ אִינְדְרוֹיסְן פוּן בֵּית פֵּיגָא; הַלְוַואי זָאלְט אִיר זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוּן טוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג, נִישְׁט נָאכְטוּן אַנְדֶערֶע פְרוּיעֶן וָואס זֶענֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ.

אִיר ווילְט דָאךְ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אִיר ווילְט דָאךְ גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער; דָאס קוּמְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס. דָאס קוּמְט נָאר אַז דִי מַאמֶע לֶעבְּט אֵיידְל, טוּט זִיךְ אָן אֵיידְל אוּן אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ וַוייל אִיךְ ווִיל אַייעֶר גוּטְס; הַלְוַואי זָאלְן מַיינֶע וֶוערְטֶער אַרַיינְגֵיין אִין אַייךְ אוּן עֶס זָאל זַיין שְׁטֶערְקֶער פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע חַבֶרְ׳טֶעס.

קוּרְץ, גֶעפַּאסְט אוּן אוֹיסְגֶעשְׁנִיטְן אִיז נִישְׁט וֶוערְד זִיךְ צוּ מוּטְשֶׁען מִיט קִינְדֶער. אִיר הָאט דָאךְ גֶעזֶען וָואס פַּאסִירְט אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי תּוֹרָה, מֶען פַארְלִירְט דִי קִינְדֶער רַחֲמָנָא לִצְלָן.

ווָאוּיל אִיז דֶעם וָואס הִיט דִי תּוֹרָה אוּן פִירְט זִיךְ אֵיידְל, וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ שֵׁיינֶע דוֹרוֹת.

גֶעבְּט אַ גְרוּס פַאר אַייעֶר מַאן, ... נֵרוֹ יָאִיר.

...

**וֶועק זִיךְ אוֹיף אוּן זַיי זִיךְ פְּרִישׁ מְקָרֵב צוּם רֶבִּי׳ן**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת צַו, ה׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי**

אִיךְ גֶעדֶענְק יָארְן צוּרִיק בִּיסְטוּ גֶעוֶוען אַזוֹי צוּפֵייעֶרְט, הָאסְט גֶעקָאכְט אוּן גֶעבְּרֶענְט מִיטְן דֶרֶךְ הַלִּימוּד, מִיט דִי לִימוּדִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אוּן שׁוֹין לַאנְגֶע יָארְן וָואס אִיךְ הֶער נִישְׁט פוּן דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זִיךְ צוּרִיק אוֹיפְוֶועקְן פוּן דַיין שְׁלָאף אוּן זִיךְ פְּרִישׁ מְקָרֵב זַיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן פָאלְגְן זַיינֶע עֵצוֹת. ווייל וֶוער עֶס פָאלְגְט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת – הָאט דֶער רֶבִּי צוּגֶעזָאגְט – וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין דַרְגָּא צוּ וָואס עֶר וֶועט נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם.

...

## מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט עֶסְן קַיין חָמֵץ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי א׳, י״א נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעדֶענְק, אַז מֶען וויל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַ מַשֶּׁהוּ חָמֵץ – דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, אַז מֶען זָאל נִישְׁט עֶסְן קַיין חָמֵץ, אוּן אוֹיבּ מֶען רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז מֶען קֶען אַלֵיינְס אַכְטוּנְג גֶעבְּן – קֶען מֶען חַס וְשָׁלוֹם נִכְשָׁל וֶוערְן. אַזוֹי ווִי מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן רֶבִּי דָוִד מְמִיקוֹלַייֶב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַ תַּלְמִיד פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. עֶר הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען צוּ מַאכְן וַויין פַאר זַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, עֶר הָאט עֶס גֶעמַאכְט מִיט אַלֶע חוּמְרוֹת, מִיט אַלֶע בְּחִינוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳. אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים הָאט מֶען אִים אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיי דִי גְרֶענִיץ, אוּן דֶער וֶועכְטֶער הָאט גֶעעֶפְנְט דִי וַויין אוּן עֶס מְטַמֵּא גֶעוֶוען, עֶר הָאט עֶס גֶעמַאכְט יֵין נֶסֶךְ. רֶבִּי דָוִד אִיז גֶעוָוארְן אוֹיסֶער זִיךְ, עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פַארְוָואס דָאס הָאט פַּאסִירְט, עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט זַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פַארְוָואס דָאס הָאט פַּאסִירְט, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעפְרֶעגְט: ״הָאסְטוּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס זָאל זִיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן לְטוֹבָה?״ הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט פַארְן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אַז עֶר הָאט טַאקֶע אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס זֶענֶען דָא וָואס פִירְן זִיךְ אִיבֶּער צוּ קוּקְן אַלֶע מַצּוֹת עֶרֶב פֶּסַח, בּוֹדֵק זַיין אוֹיבּ עֶס אִיז דָא כְּפוּלוֹת; אִיךְ פַארְלָאז זִיךְ אוֹיף דִי הֶכְשֵׁר פוּנֶעם מַצָּה בֶּעקֶערַיי. אִיךְ קוּק נִישְׁט דוּרְךְ דִי מַצּוֹת עֶרֶב פֶּסַח, אוּן אוֹיבּ מִיר טְרֶעפְן אִין דִי מַצָּה אַ כֵּפֶל – בְּרֶעכְט מֶען עֶס אַרָאפּ אוּן מֶען עֶסְט דָאס נִישְׁט.

אִיךְ בִּין שׁוֹין אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ וֶועל מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף דָא זַיין אוֹיף פֶּסַח. מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ שֵׁיינֶעם שַׁבָּת מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מַמָּשׁ טַעַם גַן עֵדֶן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

**אַ גֶעשְׁמַאק צוּ זַיין מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי א׳, י"א נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין גֶעפָארְן אִין שְׁטֶעטְל אוֹיף יוֹם טוֹב, אִיךְ בִּין אַרוֹיסְגֶעפָארְן דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט נָאכְן שִׁיעוּר. אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה דָא, אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט נָאכְן בּוֹדֵק חָמֵץ זַיין, עֶר שְׁפִּירְט שׁוֹין אַ שְׁטִיקְל טַעַם פוּן פֶּסַח נָאךְ בְּדִיקַת חָמֵץ. אִיךְ שְׁפִּיר שׁוֹין יֶעצְט אַ גֶעשְׁמַאק צוּ זַיין מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, מֶען לֶעבְּט מִיט הֶעלְפְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן; עֶס אִיז עֶפֶּעס אַן אַנְדֶערֶע וֶועלְט, עֶס אִיז מַמָּשׁ חוּץ לְיִשּׁוּב, דֶער פְּלַאץ וואוּ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה פְלֶעגְט פִירְן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן (עַיֵּין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יב, מִבַּעַל תְּפִלָּה).

פְרַייטָאג בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין חֵדֶר, אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט מִיט דִי עֶלְצְטֶע כִּתָּה אוּן גֶעדַאוֶונְט מִיט זֵיי. אִיךְ הָאבּ מְסַיֵּים גֶעוֶוען צְוֵויי מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, (אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַ מִשְׁנָה פוּן אֵיין מָאל פְרִיעֶר), נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר גֶעדַאוֶונְט אִינְאֵיינֶעם.

פון דָארְט בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין שְׁטוּבּ פון הָרַב ר' יַעֲקֹב לֶעזֶער שְׁלִיטָ"א צוּ אַ סִיוּם מַסֶכֶת נָזִיר. עֶר לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, קִינְדֶער וָואס ווילְן לֶערְנֶען נָאךְ חֵדֶר בְּהִתְנַדְּבוּת לִבָּם. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי שֵׁיין צוּ זִיצְן מִיט דִי קִינְדֶער און זֶען דִי לִיכְטִיגְקֵייט אוֹיף זֵייעֶרֶע פֶּנִימְ'עֶר.

נָאכְדֶעם הָאט מֶען אוֹיסְגֶעטֵיילְט פון בֵּית הַתַּבְשִׁיל - פַּאר אַ גְרוֹיס חֵלֶק שְׁטֶעטְל - קַארְטְלֶעךְ צוּ קֶענֶען אַיינְקוֹיפְן אִין גְרָאסֶערִי פַּאר פֶּסַח. דָאס קוּמְט צוּ בַּאדַאנְקֶען דִי טֵייעֶרֶע אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶע גַבָּאִים פון בֵּית הַתַּבְשִׁיל וָואס זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעטֵיילְט אַזוֹיפִיל גֶעלְט פַּאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פַּאר יוֹם טוֹב. מִיךְ הָאט מֶען גֶעבֶּעטְן עֶס אוֹיסְצוּטֵיילְן, דִי גַבָּאִים ווילְן אֲפִילוּ נִישְׁט וויסְן וֶוער בַּאקוּמְט און וויפִיל מֶען בַּאקוּמְט. זֵיי בְּרֶענְגֶען דִי גֶעלְט און מֶער פון דֶעם ווילְן זֵיי נִישְׁט, זֵיי הָאבְּן מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל דָאס אוֹיסְטֵיילְן. מֶען זָאגְט מִיר יְיַשֵּׁר כֹּחַ, אָבֶּער עֶס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט מִיר, דֶער יְיַשֵּׁר כֹּחַ קוּמְט פַּאר דִי גַבָּאִים.

שַׁבָּת הַגָּדוֹל אִיז גֶעוֶוען הֶערְלִיךְ שֵׁיין, אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוְונְט אַלֶע תְּפִילוֹת אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּנְטֶער מַיין שְׁטוּבּ און דִי סְעוּדוֹת הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעסְן בַּיי מַיין זוּן הָרַב שְׁלֹמֹה. בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ אִיז שׁוֹין גֶע'כַּשֶׁר'ט און אִיבֶּערְגֶעדֶעקְט אַלֶע קַאוּנְטֶערְס גְרֵייט צוּ קָאכְן פַּאר פֶּסַח. נָאךְ דִי סְעוּדָה זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוֹיךְ דֶער דַיָּין שְׁלִיטָ"א; עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶסְן, שְׁמוּעֶסְן פון תַּכְלִית, שְׁמוּעֶסְן פון אֱמוּנָה.

שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט סֵפֶר פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, פון וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דֶער עִיקַר תַּכְלִית אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז נָאר מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, כִּיְדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ הֶערְלִיכֶע שְׁמוּעֶס, אֶפְשָׁר וֶועט אֵיינֶער פון דִי צוּהֶערֶער דָאס אָפְּשְׁרַייבְּן.

סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת (מַעֲשֶׂה יג) פון דֶעם בֶּעטְלֶער מִיט דִי הוֹיקֶער וָואס הָאט זִיךְ בַּארוּמְט אַז עֶר הָאט דִי זַאךְ פון מִיעוּט הַמַּחֲזִיק אֶת הַמְּרֻבֶּה; מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וויל גָארְנִישְׁט, דַארְף גָארְנִישְׁט און הָאט גָארְנִישְׁט, עֶר אִיז בַּיי זִיךְ מִיעוּט, עֶר אִיז זִיךְ מְבַטֵּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - בַּאקוּמְט מֶען כֹּחוֹת צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן,

אֲפִילוּ עֶס גֵייט אִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת; מֶען אִיז מַחֲזִיק אֶת הַמְּרֻבֶּה, מֶען קֶען דֶערְהֵייבְּן דִי שְׁטוּב, דִי וַוייבּ, דִי קִינְדֶער, אַלֶעס אַלֶעס; וַוייל מֶען אִיז בַּיי זִיךְ גָארְנִישְׁט.

שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ב): "וְדַרְכִּי", אִיךְ פִיר זִיךְ, "כְּשֶׁבָּא הַיּוֹם", וֶוען עֶס קוּמְט אַ נֵייעֶם טָאג, "אֲנִי מוֹסֵר כָּל הַתְּנוּעוֹת שֶׁלִּי", גֶעבּ אִיךְ אִיבֶּער דֶעם גַאנְצְן טָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְשֶׁל בָּנַי, וְהַתְּלוּיִים בִּי, עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", אִיךְ גֶעבּ אִיבֶּער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע מַיינֶע קִינְדֶער אוּן אַלֶע וָואס זֶענֶען אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מִיר, "שֶׁיִּהְיֶה הַכֹּל כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ", אַלֶעס זָאל זַיין אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל, "וְזֶה טוֹב מְאֹד", אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ, וַוייל אַזוֹי קֶען מֶען זַיין רוּאִיג אַז אַלֶעס וָואס פִירְט זִיךְ, אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט - אִיז אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל.

"וְכֵן כְּשֶׁמַּגִּיעַ שַׁבָּת אוֹ יוֹם טוֹב", אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת אָדֶער יוֹם טוֹב, "אֲזַי אֲנִי מוֹסֵר כָּל הַהִתְנַהֲגוּת וְכָל הָעִנְיָנִים וְהַתְּנוּעוֹת שֶׁל אוֹתוֹ הַשַּׁבָּת אוֹ הַיּוֹם טוֹב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁיִּהְיֶה הַכֹּל כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ", גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וַאֲזַי, אֵיךְ שֶׁמִּתְנַהֵג בְּאוֹתוֹ הַשַּׁבָּת וְיוֹם טוֹב, שׁוּב אֵינוֹ חוֹשֵׁב וְחוֹשֵׁשׁ כְּלָל שֶׁמָּא לֹא יָצָא יְדֵי חוֹבָה בְּהַנְהָגַת קְדֻשַּׁת אוֹתוֹ הַיּוֹם, מֵאַחַר שֶׁכְּבָר מָסַר הַכֹּל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְסָמַךְ עָלָיו יִתְבָּרַךְ לְבַד". אַזוֹי בִּין אִיךְ רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ פוּנֶעם שַׁבָּת אוּן פוּנֶעם יוֹם טוֹב, אִיךְ דַארְף נִישְׁט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן אוּן אִיבֶּערְקְלֶערְן צִי אִיךְ הָאבּ גוּט גֶעטוּן אָדֶער נִישְׁט.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דֶעם בְּלַאט בַּבְלִי אוּן דֶעם בְּלַאט יְרוּשַׁלְמִי.

הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶּוענְט שַׁחֲרִית מִיט דִי קִינְדֶער פוּן כִּתָּה ט', אִיךְ בִּין גֶעזִיצְן מִיט זֵיי אוּן גֶעלֶערְנְט סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד. עֶס אִיז אַזוֹי גֶעשְׁמַאק אִין חֵדֶר, מֶען שְׁפִּירְט דָארְט אַן אֲוִיר הַנֵּךְ וְהַנַּח, אִיךְ בִּין גֶעפָארְן מִיט דִי בָּאס; אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה צוּ זֶען וִוי מֶען בְּרֶענְגְט דִי קִינְדֶער צוּם תַּלְמוּד תּוֹרָה.

נָאכְדֶעם בִּין גֶעגַאנְגֶען מִיטְן מֶענֶעדְזְשֶׁער אֱלִיעֶזֶר אִין מַחֲנֶה אִילָן הַחַיִּים.

אִיךְ הָאבּ אִים גֶעוִויזְן זַאכְן וָואס מֶען דַארְף אָנְגְרֵייטְן פַארְן זוּמֶער הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה, אִיךְ הָאבּ גֶעוִויזְן וִוי אַזוֹי אִיךְ ווִיל עֶר זָאל גְרֶעסֶער מַאכְן דִי שׁוּל פַאר דִי קִינְדֶער וָואס גֵייעֶן דָארְט לֶערְנֶען דֶעם קוּמֶענְדִיגְן זוּמֶער, אוֹיךְ דִי מְחִיצָה בַּיי דִי שְׁוִוים בַּאסֵיין, אוּן נָאךְ זַאכְן.

רוֹב טָאג הָאבּ אִיךְ גֶעהָאלְפְן אִין שְׁטוּבּ אָנְגְרֵייטְן צוּם פֶּסַח.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף דַיין וַוייבּ אוּן מַאךְ אִיר נִישְׁט מְשׁוּגָע יֶעדֶע מָאל מִיט אַ צְוֵוייטֶע מְשׁוּגַעַת. אִיךְ טְרַאכְט צוּ מִיר, אַז דִי וואוֹינְט נָאךְ מִיט דִיר - אִיז דָאס אַ נֵס, אַ צְוֵוייטֶע וָואלְט שׁוֹין לַאנְג אַנְטְלָאפְן.

הָאסְט נֶערְוֶוען? גֵיי אִין אַ זַייט אוּן שְׁרֵיי: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נֶעם אַרוֹיס מַיינֶע נֶערְוֶוען, מַאךְ מִיךְ גֶעזוּנְט, מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ וְכוּ' וְכוּ'".

מַזָל טוֹב פַאר דִי שִׁידוּךְ פוּן אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה נֵרוֹ יָאִיר, אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה, מִיט אַ תַּלְמִידָה פוּן בֵּית פֵיגָא, אַן אֵיינִיקְל פוּן הָרַב רֶבִּי יִצְחָק שְׁלִיטָ"א. אִיךְ הָאף צוּ קֶענֶען מַאכְן נָאךְ אוּן נָאךְ שִׁידוּכִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

**דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְן אַז אַלֶעס זָאל זַיין גוּט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי א', י"א נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן
לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז עֶס אִיז דָא גוּטֶע נַייעֶס בַּיי עֶנְק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל זַיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת.

בְּנוֹגֵעַ וָואס עֶס זֶענֶען דִי מִנְהָגִים פוּן דִי חֲדָשִׁים וְכוּ'; דִי טֶעג דַארְף מֶען נָאר אֵיין זַאךְ, נָאר תּוֹדָה וְהוֹדָאָה, דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן

בֶּעטְן אַז אַלֶעס זָאל זַיין גוט.

אוֹיךְ אִיז גוּט אַז דַיין וַוייבּ זָאל זָאגְן שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים, קוֹיף אִיר אַ סֵפֶר שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים. מוֹהֲרַאַ"שׁ זָאגְט פַאר פְרוֹיעֶן וָואס וַוארְטְן - אַז זֵיי זָאלְן זָאגְן אִין דִי חֳדָשִׁים "שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים" - נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים זָאל מֶען הָאבְּן גְרִינְג דָאס קִינְד. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק חֵלֶק ב', סִימָן כ): "עַל יְדֵי הַזְכָּרַת שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים יְכוֹלִים לְהָבִיא שִׁנּוּי בְּמַעֲשֶׂה בְּרֵאשִׁית, כְּלוֹמַר לְשַׁנּוֹת הַטֶּבַע", דוּרְכְן דֶערְמַאנֶען דִי נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים - קֶען מֶען טוּישְׁן דִי טֶבַע.

אוֹיךְ זָאל דַיין וַוייבּ זָאגְן דִי נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים וָואס זִי גֶעדֶענְקְט אוֹיסְנְוֶוייניג, צוּם בֵּיישְׁפִּיל: אַבְרָהָם אָבִינוּ, יִצְחָק אָבִינוּ, יַעֲקֹב אָבִינוּ, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, יוֹסֵף הַצַּדִּיק, דָּוִד הַמֶּלֶךְ, שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב, רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, מוֹהֲרַאַ"שׁ מִבְּרֶסְלֶב וְכוּ' וְכוּ', אוּן נָאךְ נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט, אוּן נָאכְדֶעם זָאל זִי זָאגְן דִי תְּפִלָּה:

"יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם, אִין דִי זְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ דֶערְמַאנְט דִי נֶעמֶען פוּן דִי צַדִּיקִים, בִּזְכוּת זֵייעֶר תּוֹרָה, זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים אוּן זֵייעֶר מְסִירַת נֶפֶשׁ, ווִי זֵיי הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, זָאלְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל גֶעבּוֹירְן גְרִינְגֶערְהֵייט אַ גֶעזוּנְט קִינְד בְּרַמַ"ח אֵיבָרִים וּשְׁסָ"ה גִידִים; אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דִי אַלֶע טֶעג וָואס אִיךְ וַוארְט גְרִינְגֶערְהֵייט. נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר אַלֶע מִינֵי עַיִן הָרַע'ס אַז קֵיינֶער זָאל מִיךְ נִישְׁט קֶענֶען שֶׁעדִיגְן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן טוּן דַיין ווִילְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הִיט מִיךְ אוּן הִיט דָאס קִינְד, דִי דָאקְטוֹרִים שְׁרֶעקְן מִיךְ אָן אַז עֶפֶּעס טוֹיג נִישְׁט אוּן דָאס מַאכְט מִיר אַזֶעלְכֶע פְּחָדִים אַז אִיךְ הַאלְט דָאס מַמָּשׁ נִישְׁט אוֹיס, גֶעבּ מִיר אַ גֶעזוּנְט קִינְד, אַ לִיכְטִיג קִינְד, אַ הֵיילִיג קִינְד. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג טוּן נָאר גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ וֶועסְט הָאבְּן פוּן דֶעם אַ נַחַת רוּחַ, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ, יְיָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## מִיטְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, שֵׂכֶל אוּן חִיזוּק, אִיז דֶער לֶעבְּן אַ זִיסֶע חָלוֹם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי א', י"א נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דִי שֵׁיינֶע זַאכְן, וִוי דַיין לֶעבְּן אִיז דִיר אַזוֹי שֵׁיין אוּן אַז דַיין וַוייבּ זָאגְט דִיר אַז זִי שְׁפִּירְט - זַייט עֶנְקֶער הִתְקַרְבוּת צוּם רֶבִּי'ן - וִוי אִיר זֶענְט אִינְמִיטְן עֶנְקֶער שֶׁבַע בְּרָכוֹת.

בַּיי מִיר אִיז אוֹיךְ אַזוֹי, אִיךְ בִּין שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט אִיבֶּער צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג יָאר אוּן עֶס שְׁפִּירְט זִיךְ וִוי שָׁנָה רִאשׁוֹנָה. מִיטְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, שֵׂכֶל אוּן חִיזוּק - אִיז דֶער לֶעבְּן אַ זִיסֶע חָלוֹם, מִיט דִי שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אִיז דֶער לֶעבְּן אַזוֹי גוּט.

זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## אַז עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער אוּן בִּיטֶער, זָאלְסְטוּ נִישְׁט וַוארְפְן דִי שׁוּלְד אוֹיפְן רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי א', י"ב נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער אוּן בִּיטֶער - זָאלְסְטוּ נִישְׁט וַוארְפְן דִי שׁוּלְד אוֹיפְן

רֶבִּי'ן. מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, בְּדֶרֶךְ כְּלַל וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועֶרֶע טֶעג און מֶען הָאט קַשְׁיוֹת און סְפֵיקוֹת - זֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים דִי עֶרְשְׁטֶע אוֹיף וֶועם מֶען הוֹיבְּט אָן הָאבְּן קֻשְׁיוֹת, און זֵיי וֶוערְן דִי כַּפָּרָה...

דֶערִיבֶּער זֶעט מֶען אַז נִישְׁט אַלֶע הָאבְּן דִי זְכִיָ' צוּ בְּלַייבְּן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; מֶען קִילְט זִיךְ אָפּ, מֶען הָאט שְׁאֵלוֹת, בִּלְבּוּלִים וְכוּ', און אַז מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ יָא - אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ; אַזוֹי ווִי דִי מַעֲשֶׂה גֵייט, רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזֶען אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מִיט אַ וַוייסֶע בָּארְד, אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר אִיבֶּערְרַאשְׁט און גֶעזָאגְט: "אַ וַוייסֶע בָּארְד און אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד?!"

מָארְגְן פַארְנַאכְטְס וֶועלְן מִיר שֶׁעפְּן מַיִם שֶׁלָנוּ פַאר דִי עֶרֶב פֶּסַח מַצוֹת בַּיי אוּנְזֶער בֶּעקֶערַיי אִין שְׁטֶעטְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

**פַארְגֶעס נִישְׁט אוֹיסְצוּרֵיינִיגְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי א', י"ב נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ בִּין גֶעפָארְן אִין שְׁטֶעטְל זַיין יוֹם טוֹב פֶּסַח מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶה צוּ זַיין אִין שְׁטֶעטְל, אַ לֶעבְּן וואוּ אַלֶע לֶעבְּן מִיטְן רֶבִּי'ן, אַלֶעס דְרֵייְדְט זִיךְ אַרוּם דֶעם רֶבִּי'ן.

פַארְגֶעס נִישְׁט וֶוען דוּ רֵיינִיגְסְט אוֹיס דִי חָמֵץ אוֹיךְ אוֹיסְצוּרֵיינִיגְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת; קִנְאָה, שִׂנְאָה, תַּחֲרוּת, כָּבוֹד, נִצָּחוֹן און מַחֲלֹקֶת, לֵיצָנוּת און לָשׁוֹן הָרָע. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען אוֹיסְרֵיינִיגְן מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, אִיךְ זָאל זַיין אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## פִּיר זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הֲפָצָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי א', י"ב נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

טְשֶׁעפֶּע נִישְׁט דַיין וַוייבּ אוּן מַאךְ נִישְׁט חוֹזֶק פוּן אִירֶע מִנְהָגִים, פִּיר זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הֲפָצָה. וַוייל דוּ טְרָאגְסְט דֶעם רֶבִּינְ'ס נָאמֶען, אַלֶע קוּקְן אוֹיף דִיר אוּן זָאגְן 'קוּק וִוי אַזוֹי אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד פִירְט זִיךְ, קוּק וִוי שֵׁיין זֵייעֶר לֶעבְּן אִיז', אוּן חַס וְשָׁלוֹם אַז מֶען אִיז אַן עַזּוּת פָּנִים, מֶען פִירְט זִיךְ מִיט חוּצְפָּה צוּ אַנְדֶערֶע אוּן עֶלְטֶערֶע - וֶוערְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פַארְשֶׁעמְט.

מוֹהֲרַ"ש פְלֶעגְט יֶעדְן עֶרֶב פֶּסַח מַאכְן אַ סִיוּם אוֹיף מַסֶכֶת תָּמִיד. עֶס אִיז אַ קְלֵיינֶע שֵׁיינֶע גְרִינְגֶע מַסֶכְתָּא, עֶס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג דָאס דוּרְךְ צוּ לֶערְנֶען. אִיךְ פִּיר זִיךְ אוֹיךְ אַזוֹי, עֶרֶב פֶּסַח אִינְדֶערְפְרִי לֶערְן אִיךְ דִי מַסֶכְתָּא אוּן אִיךְ בִּין דָאס מְסַיֵּים.

אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אֵיין מָאל עֶרֶב פֶּסַח בַּיי מוֹהֲרַ"ש, שְׁנַת תשס"ט, דֶעמָאלְט זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן מִיט מוֹהֲרַ"ש צוּם אַטְלַאנְטִיק אָושֶׁען מַאכְן דִי בְּרָכָה פוּן קִידוּשׁ הַחַמָּה, אִינְדֶערְפְרִי בַּיים נֵץ הַחַמָּה, אוּן נָאכְדֶעם זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית בַּיי מוֹהֲרַ"ש אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען נָאכְן דַאוֶוענֶען וִוי מוֹהֲרַ"ש לֶערְנְט מַסֶכֶת תָּמִיד אוּן אִיז דָאס מְסַיֵּים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

### אַ סְגוּלָה אַוֶועק צוּ נֶעמֶען דִי דִינִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי א', י"ב נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען דוּ הָאסְט וֵוייטָאג, דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע טֶעג - זָאלְסְטוּ זָאגְן דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים כה, יח): "רְאֵה עָנְיִי וַעֲמָלִי וְשָׂא לְכָל חַטֹּאותָי", מִיט דֶעם וֶועט נִמְתָּק וֶוערְן פוּן דִיר אַלֶע דִינִים.

קוּק אַרַיין בְּסֵפֶר שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב, אֵיינֶער שְׁרַייבְּט פַּאר מוֹהֲרַ"ש אַז עֶר הַאלְט מֶער נִישְׁט אוֹיס זַיינֶע יְסוּרִים. עֶנְטְפֶערְט אִים מוֹהֲרַ"ש עֶר זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת, אוּן מוֹהֲרַ"ש זָאגְט אִים אַ שְׁטַארְקֶע סְגוּלָה: "וְיִהְיֶה הַפָּסוּק הַזֶּה שָׁגוּר עַל פִּיךָ תָּמִיד", דֶעם פָּסוּק זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "'רְאֵה עָנְיִי וַעֲמָלִי וְשָׂא לְכָל חַטֹּאותָי' (תְּהִלִּים כה, יח), וְזֶה מְסוּגָּל מְאֹד לְהַמְתָּקַת הַדִּינִים", דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אַוֶועק צוּ נֶעמֶען דִי דִינִים, "כִּי בַּאֲמִירַת הַפָּסוּק הַזֶּה הוּא מַצְדִּיק עָלָיו אֶת הַדִּין וּמְקַבֵּל הַכֹּל בְּאַהֲבָה", וַוייל מִיטְן זָאגְן דֶעם פָּסוּק וַוייזְט עֶר אַז עֶר נֶעמְט אוֹיף זִיךְ אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט - מִיט לִיבְּשַׁאפְט, אוּן עֶר וַוייזְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וּבָזֶה בְּעַצְמוֹ נִמְתָּק מִמֶּנּוּ הַדִּין וְהַצָּרוֹת שֶׁעוֹבְרִים עָלָיו, וְנִתְהַפֵּךְ הַכֹּל לְאַהֲבָה וּלְחֶסֶד גָּדוֹל", אוּן מִיט דֶעם וֶועלְן אַוֶועקְגֵיין אַלֶע דִינִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## עֶס אִיז ווִיכְטִיג פַאר דִי חִינוּךְ אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זֶען ווִי מֶען מַאכְט דִי מִצְוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי א', י"ג נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט נַאכְט אִיז בְּדִיקַת חָמֵץ. וֶוען עֶס וֶוערְט נַאכְט טָאר מֶען גָארְנִישְׁט טוּן; נִישְׁט אַרְבֶּעטְן, נִישְׁט לֶערְנֶען אוּן נִישְׁט עֶסְן קַיין סְעוּדוֹת, מֶען דַארְף בּוֹדֵק חָמֵץ זַיין.

נֶעם דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן דִיר הֶעלְפְן בַּיי בְּדִיקַת חָמֵץ, עֶס אִיז ווִיכְטִיג פַאר דִי חִינוּךְ זֵיי זָאלְן זֶען ווִי מֶען מַאכְט דִי מִצְוֹת. אִיךְ נֶעם אַלֶע קִינְדֶער בַּיי בְּדִיקַת חָמֵץ, יֶעדֶער זָאל עֶפֶּעס הֶעלְפְן; אֵיינֶער הַאלְט דִי לֶעפְל, אֵיינֶער דִי פֶעדֶער, אֵיינֶער דִי זֶעקְל וואוּ מֶען לֵייגְט אַרַיין דִי בְּרֶעקְלֶעךְ וָואס מֶען טְרֶעפְט, אֵיינֶער שְׁלֶעפְּט מִיט וואוּ אִיךְ גֵיי אַ קְלֵיין בֶּענְקְל אוֹיף וָואס זִיךְ אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן, אֵיינֶער אִיז גֶעשְׁטֶעלְט צוּ צֵיילְן ווִיפִיל בְּרֶעקְלֶעךְ מֶען הָאט שׁוֹין גֶעטְרָאפְן אוּן ווִיפִיל עֶס פֶעלְט. בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר הָאבְן אַ שְׁטוּב מִיט אִינְגְלֶעךְ דַארְף אִיךְ זוּכְן וָואס צוּ גֶעבְּן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אַלֶע זָאלְן הֶעלְפְן מִיט דִי מִצְוֹת.

נֶעכְטְן הָאבּ אִיךְ פַארְקוֹיפְט דִי חָמֵץ בַּיים דַיָּין שְׁלִיטָ"א. אִיךְ גֶעבּ זִיךְ אַ כַאפּ ווִיפִיל בִּנְיָנִים אִיךְ דַארְף פַארְקוֹיפְן, ווִי דִי קְהִלָּה הָאט זִיךְ צוּוַאוַואקְסְן אִין דִי צְוֵויי יָאר... אִיךְ הָאבּ פַארְקוֹיפְט חָמֵץ פוּן זִיבְּן בִּנְיָנִים וָואס בַּאלַאנְגְט פַאר דִי קְהִילָה; דִי מֵיידְל סְקוּל, דִי חֶדֶר, מַחֲנֶה אִילָן הַחַיִּים, מַחֲנֶה בֵּית פֵּיגָא, דֶער בִּנְיָן פוּן דִי קִיאַסְק, דִי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוֹיף הָאשְׁקִי אוּן דֶער בִּנְיָן אִין אוּמַאן, דָאס אִיז מַמָּשׁ וָואס מוֹהֲרַ"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט בַּיים עֶפֶענֶען דִי יְשִׁיבָה; מוֹהֲרַ"שׁ זָאגְט מִיר: "יֶעצְט בִּיסְטוּ צֶעבְּרָאכְן? עֶס וַוארְט נָאךְ שֵׁיינֶע זַאכְן".

אוֹיךְ בַּיים בּוֹיעֶן דֶעם בִּנְיַן הַיְשִׁיבָה אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג אוֹיף סְקִילְמַאן הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין פְּרוּטָה צוּ בַּאצָאלְן פַאר שַׁבְּתִי מִזְרַחִי, מִיר הָאבְן גֶעהַאט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת. אִיךְ הָאבּ אִים גֶעבֶּעטְן, לָאמִיר גֵיין צוּ מוֹהֲרַ"שׁ. אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרַ"שׁ, דֶער אִינְגֶעניְרמַאן וָואס בּוֹיט דִי יְשִׁיבָה וויל

אִיבֶּערְלָאזְן דִי אַרְבֶּעט אִינְמִיטְן בּוֹיעֶן, הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט פַּאר שַׁבְּתִי: "אוֹיב דוּ וֶועסְט בְּלַייבְּן בּוֹיעֶן דִי יְשִׁיבָה - וַוארְט דִיר שֵׁיינֶע זַאכְן", אוּן יֶעצְט זֶעט מֶען שׁוֹין אַבִּיסְל פוּן דִי שֵׁיינֶע זַאכְן.

כַּאפּ אַרוֹיס - אִין דִי פַּארְנוּמֶענֶע צַייט - אַ בְּלַאט גְמָרָא, זָאג דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַּארְשְׁטֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְּן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן טוּן אַ מִצְוָה פְרֵיילִיכֶערְהֵייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי א', י"ג נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

הַיינְט נַאכְט אִיז בְּדִיקַת חָמֵץ. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "בַּיים בּוֹדֵק חָמֵץ זַיין שְׁפִּירְט מֶען שׁוֹין אַ שְׁטִיק פוּנֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח", בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּן פֶּסַח, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אוֹיסְרוֹימֶען דִי חָמֵץ פוּן מַיין מֹחַ, אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת אוֹיף דִיר, אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט, וֶוען מֶען טוּט אַ מִצְוָה פְרֵיילִיךְ בַּאקוּמְט מֶען שְׂכַר אוֹיף דִי וֶועלְט; וַוייל שְׂכַר מִצְוָה בְּהַאי עָלְמָא לֵיכָּא, אוֹיף דִי וֶועלְט בַּאקוּמְט מֶען נִישְׁט בַּאצָאלְט אוֹיף דִי מִצְוֹת וָואס מֶען טוּט, אוֹיבְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט בַּאצָאלְט מֶען אוֹיף דִי מִצְוֹת; דָאס אִיז וֶוען מֶען טוּט דִי מִצְוֹת וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, אָבֶּער אַז מֶען טוּט אַ מִצְוָה בְּשִׂמְחָה, מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְוָה, מִיט דֶעם וַוייזְט מֶען אַז מֶען טוּט דָאס נִישְׁט גֶעצְווּינְגֶען, מֶען טוּט דָאס מִיט לִיבְשַׁאפְט; דֶעמָאלְט בַּאקוּמְט מֶען בַּאצָאלְט אוֹיף דִי וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## עֶס לוֹינְט נִישְׁט דִי גֶעלְט צוּ אַרְבֶּעטְן אִין אַן נִישְׁט עֶרְלִיכֶער פְּלַאץ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת שְׁמִינִי א', י"ג נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

לָאז אָפּ דִי אַרְבֶּעט, עֶס לוֹינְט נִישְׁט דִי פָּאר דָאלֶער אַז דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה. וַוייל מִיט וֶועם מֶען דְרֵיידְט זִיךְ - אַזוֹי וֶוערְט מֶען, אַז מֶען דְרֵיידְט זִיךְ אִין אַן אַרְבֶּעט וואוּ מֶען לַאכְט פוּן נִיבּוּל פֶּה, מֶען רֶעדְט פוּן נִישְׁט אֵיידֶעלֶע זַאכְן, בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט הוֹיבְּט מֶען אַלֵיינְס אָן רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, אוּן אַז מֶען דְרֵיידְט זִיךְ מִיט עֶרְלִיכֶע אִידְן, יִרְאֵי שָׁמַיִם - וֶוערְט מֶען אוֹיךְ נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ זֵיי, מֶען וֶוערְט אַ יְרֵא הַשֵּׁם.

גֵיי הַפָּצָה, נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערֶע פַּרְנָסָה ווִי פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן. דֶער וָואס גֵייט הֲפָצָה, עֶר אִיז מְזַכֶּה נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער אִיז זֵייעֶר בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תְּרוּמָה קכח:) "תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתָּדַּל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", קוּם אוּן זֶע, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא. גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא, וְגָרִים דְּאִסְתָּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ. וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דִי וֶועלְט, עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף

דִי װעלְט און עֶר אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע װעלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. "וְזָכֵי לְמֵחַמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעך, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", און עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי װעלְט און אוֹיף יֶענֶע װעלְט, "כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן - נִישְׁט אוֹיף דִי װעלְט און נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע װעלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים און קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן, עַיֵּין שָׁם.

גֶעבּ אַ קוּק דַיין בְּרוּדֶער, עֶר אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק אַן אֵיידֶעלֶער אִינְגֶערְמַאן, און קוּק וָואס פַּאסִירְט װען מֶען גֵייט אַרְבֶּעטְן אִין אַ פְּלַאץ וואו מֶען רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה, מֶען װערְט אַלֵיינְס אָפְּגֶעקִילְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## זָאג יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת װעסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן מִצְרַיִם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי א', י"ד נִיסָן, עֶרֶב פֶּסַח, שְׁנַת תשפ"ג

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, יֶעצְט בַּיים פַארְבְּרֶענֶען דִי חָמֵץ - פַארְבְּרֶען אַלֶע שְׁמוּץ, וַוארְף אַװעק אַלֶע שְׁמוּץ. נֶעם זִיךְ פָאר: 'גֶעעֶנְדִיגְט מִיט עֲבֵירוֹת, אִיךְ קוּק מֶער נִישְׁט קַיין שְׁמוּץ'.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, אַ שָׁאד פַאר דִיר, אַ שָׁאד פַאר דַיין לֶעבְּן בָּזֶה וּבַבָּא; מֶען קֶען נִישְׁט לֶעבְּן אוֹיבּ מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן, עֶס הַרְגְ'עֶט אַלֶעס, עֶס פַארְשְׁטֶעלְט דָאס שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶען קֶען מֶער נִישְׁט דַאוֶונֶען, מֶען קֶען מֶער נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין לֶערְנֶען; אַלֶעס װערְט אַזוֹי וִוי פַארְוָואלְקְנְט,

מֶען פַארְלִירְט דֶעם טַעַם פוּן לֶעבְּן, מֶען פַארְלִירְט דִי אִינְטֶערֶעסֶע אִין ווִיכְטִיגֶע זַאכְן.

זָאג יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן מִצְרַיִם. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "שֶׁאֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר ווַייט פוּן קְדוּשָּׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ - יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד"; אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כַּךְ וְכַךְ, וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, ווַייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס; מוֹהֲרַא"שׁ הָאט מְקוּבָּל פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז וֶוען דִי רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי שִׂיחָה - הָאט עֶר גֶעמֵיינְט מִיט דֶעם דָאס לֶערְנֶען אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת.

רֶבִּי נָתָן פַארְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דֶעם שִׂיחָה, הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן צִי תּוֹרָה קֶען הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן? הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף מִיר אוּן גֶעזָאגְט: 'דוּ וֵוייסְט ווִי גְרוֹיס דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס'"; אֲפִילוּ אַז אַ מֶענְטְשׁ לִיגְט נֶעבֶּעךְ אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ עֶר וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ' וֶועט עֶר ווֶערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

**אַז מֶען וויל פַּרְנָסָה דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת שְׁמִינִי ב', כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַזַא שֵׁיינֶער יוֹם טוֹב, מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה; "מֵיכְלָא דִּמְהֵימְנוּתָא", אַן עֶסְן פוּן אֱמוּנָה, "מֵיכְלָא דְּאַסְוָותָא", אַן עֶסְן פוּן רְפוּאָה; זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אֱמוּנָה, אוּן וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט.

דִי וָואךְ שַׁבָּת אִיז דֶער מִנְהָג אַז מֶען מַאכְט אַ שְׁלִיסְל אוֹיף דִי חַלוֹת, צוּ וַוייזְן אַז דִי שְׁלִיסְל פוּן פַּרְנָסָה לִיגְט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן דִי גֶעלְט, עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט טוּן פַארְדְרֵייטֶע זַאכְן; דִי שְׁלִיסְל פוּן פַּרְנָסָה לִיגְט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז מֶען וויל פַּרְנָסָה - דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נֶעם דֶעם תְּהִלִּים אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע. עֶס אִיז דָא אַ וָוארְט פוּן רֶבִּי'ן: "מֶענְטְשְׁן, וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַז עֶס וֶועט זֵיי שׁוֹין נִישְׁט הֶעלְפְן גָארְנִישְׁט - דֶעמָאלְט נֶעמֶען זֵיי דֶעם תְּהִלִּים אוּן זָאגְן תְּהִלִּים, אִיךְ זָאג 'מֶען דַארְף צוּם עֶרְשְׁט נֶעמֶען דֶעם תְּהִלִּים אוּן זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נָאכְדֶעם טוּן וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן'".

בַּיי דִי סְעוּדָה זָאלְסְטוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, וַוייז זֵיי דֶעם שְׁלִיסְל אוּן זָאג זֵיי: "עֶס אִיז אַ שָׁאד נָאכְצוּלוֹיפְן גֶעלְט, מֶען דַארְף לוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי הָאט מֶען אַלֶעס", דִי דִיבּוּרִים דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן, נִישְׁט נָאר זִיךְ צוּ טְרֵייסְטְן. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט בְּשֵׁם דֶעם צַדִּיק רֶבִּי אַבְרָהָם דוֹב פוּן חְמֶעלְנִיק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "אַלֶע רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה, מֶען זָאגְט 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט', 'אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה' - נָאר נָאכְדֶעם וָואס מֶען הָאט אַלֶעס פְּרוּבִּירְט אוּן עֶס הָאט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן, דֶעמָאלְט זָאגְט מֶען דָאס אַלֶעס זִיךְ צוּ טְרֵייסְטְן, אִיךְ זָאג, מֶען דַארְף אַרֵיינְנֶעמֶען אִין אָנְהוֹיבּ; אֵיידֶער מֶען טוּט, אֵיידֶער מֶען מַאכְט, זָאל מֶען וִויסְן 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס אוּן טוּט אַלֶעס, עֶר אִיז אַלֶעס,

קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט טוּן קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט מַאכְן, עֶר אִיז אַלֶעס אוּן טוּט אַלֶעס׳״.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, עֶר חַזֶר׳ט אֱמוּנָה אוּן רֶעדְט מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה - וֶועט עֶר זַיין גֶעבֶּענְטְשְׁט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כח, כ): ״אִישׁ אֱמוּנוֹת, רַב בְּרָכוֹת״.

אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן אִין שְׁטֶעטְל, עֶס אִיז זֵייעֶר אַיינְגֶענֶעם דָא מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דִי אַחְדוּת אוּן דִי תְּמִימוּת אִיז אֵין לְשַׁעֵר.

אַ פְרֵייליכְן שַׁבָּת.

...